RADOM, Szwarlikowska 20.

„RADOMER-KIELCER LEBEN" 33 (173) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem." פרייז 25 גראָשען פיערטער יאָהרגאַנג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטן.

אדרעס

פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פרייז!

איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאלטן 8 שפאַלטען
אין טעקסט 4 "

ראדאם פרייטאג כח מנחם אב תרפ"ז ●● פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט און די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ●● 26-go sierpnia 1927 r.

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי"

גאַסטשפּילן פון דער פעראייניגטער יודישער טרופּע פון יודישע אַרטיסטען פעראיין אין וואַרשע אונטער דער לייטונג פון א. ג. קאַמפּאַניעיעץ.

מיט'ן אנטייל פון די גוט בעקאַנטע אַרטיסטען: אַדאָלף בערמאַן און שלמה הערשקאָוויטש

ווי אויך פון: לאה קאַמפּאַניעיעץ, ר. ראָזען, אננא ציווליך, רחל נירענבערג, סאַניע סעגאַל.

מ. וואַ: א. קאַמפּאַניעיעץ, שמואל גאָלדפאַרב, לעאָן נירענבערג, ישראל קאַמפּאַניעיעץ, קלפן גוטמאַן, מאַטקאָו, י. וואַגנער א. א.

נייעס! דער גרעסטער שלאַגער פון דער לעצטער צייט פּרעמיערע!

שבת דעם 27-טן און זונטאג דעם 28-טן ה. ח. ווערט געשפּילט

די מאַמע פון דער וועלט

פּיעסע אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון י. זלאַטאָרעווסקי
הויפּט-ראָל מד' לאה קאַמפּאַניעיעץ

קאָלעגיום רעזשי: ביהנע לייטונג י. קאַמפּאַניעיעץ געשעפטס-פיהרער ל. נירענבערג מוזיק לייטונג הערץ-רובין.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין טראַפיק ביי ה' צווייגהאַפטיג לובלינער 9

אכטונג קעלץ! מאָנטאַג דעם 29 אין טעאַטער פּאַלאַץ

נאָר איין פאָרשטעלונג אונטער'ן לייטונג פון א. ג. קאַמפּאַניעיעץ
ס'ווערט געשפּילט די מאַמע פון די וועלט

Niniejszem wyrażam serdeczne p o d z i ę k o w a n i e p. **dr. ak. WRONSKIEMU** za troskliwe i umiejętne obchodzenie się przy porodzie dziecka mojej córki.

Z poważaniem

*SZ. BIALSKI.*

לנינה שפיזמן וירוחם גינדל, עכו ארץ-ישראל
ברכה לבבית ליום נשואיכם
מאחלים חיי אשר בארץ-ישראל העובדת

איזמן רגינה — חיט מנחם
רצ'מורה רבקה — כ"ץ צבי
בלטמן אריה

צו דער חתונה פון אינזער לאַנגיעהריגען מיטאַרבייטער
ה' אליעזר ניסענקערין מיט פרל' מאַניע קאַפּפערמינץ
ווינשען מיר זיי א עזיגעס גליקליכער צוזאַמענלעבען
**I. M. EISENBERG i S-ka** Kielce.

די דירעקציע פון דער קאָעדוקאַציע-גימנאַזיע מיט רעגירונגס רעכט

„פּשיאַטשול-וויעדזי" — אין — ראַדאָם.

מאַכט בעקאַנט, אַז די איינשרייבונגען פאַר ניי-אריינטרעטענדע שילער אין דער הסטעמפּנע ביז דער זיבעטער קלאַס איינשליסליך נעמט אָן די קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיום ביז'ן 28 שערפּיען ה. י.

צו די ביטע בעדאַרפט מען צולייגן א געבורט'ס-מעטריקע, א אימפּונגס-שיין און עווענטועל א שול-צייגניס.

דירעקציע.

„DLA ZNAWCÓW"
**najwyższy opatentowany gatunek gilz**
**z trzema watami oraz ustnikiem bezdrzewnym**
p o l e c a:
*fabryka gilz i bibułek*
M. PASCHALSKI,
Radom.

## נייעס! — נייעס!

אז שילער און שילערינס פון רעגירונגס פאָלקס-שולען און מיטעל-שולען זאָלען פּראַציגען ווערען אינ'ם גייסט פון תורה, נביאים, העבּרעאישע שפּראַך, ליטעראַטור, געשיכטע א. ז. וו. כדי מיט דעם זיי צוצובונדען צו דער גאָלדענער קייט פון אונזער הערליכער היסטאָרישער פערגאַנגענהייט און אזוי נאָך נישט פערפרעמד ווערען פון דער יודישער נאַציאָנאַלער אַבשטאַמונג. און אום צו ערמעגליכען יעדען פאָטער און מוטער, אז זייערע קינדער זאָלען געניסען פאַר זעהר צוגענגליכע פּרייזען פון די אויבענדערמאָנטע נויטווענדיגע למודים, אַהן וועלכע קיין שום יודיש קינד קאָן זיך נישט בעגעהן, עפען איך קורסען **העבּרעאיש** פאַר אנפאַנגער און אָנפאַנגערינס, ווי אויך פּערפאַלקאָמונגס-קורסען.

די קורסען וועלען איינגעטיילט ווערען לויט בעזונדערע גרופּעס איינגעטיילט, אין צופּאַסענדיג זיך לויט'ן קענטניס פון יעדען שילער אין שילערין.

אויף די קורסען וועלען געשאַפען ווערען גרופּעס ספּעציעל פאַר קינדער פון **יונגען עלטער**, וועלכע קענען נישט לעזען און שרייבען. אויפ'ן פערלאַנג פון די יעניגע עלטערן, וועלכע ווילען, אז זייערע קינדער זאָלען זיך קאָנען יודיש שרייבען וועט ווערען פאַר זיי, חוץ די העבּרעאישע למודים, אויך אונטערריכטעט ספּעציעל די יודישע שפּראַך.

אויף די **פּערפאָלקאָמונגס-קורסען** וועט אויך ווערען געלערענט תלמוד, **אגדות ישראל** און אנדערע וויכטיגע יודישע למודים.

די קורסען פאַנגען זיך אָן דעם 4-טען חרזשעשין. איינשרייבען קאָן מען זיך פון 26 דיזען מאָנאַט טאָג-טעגליך פון 3—6 אָוונד אין די קאַנצעלאַריע פון די קורסען **וויטאָלדאַ 11.**

**אנמערקונג:** פאַר די שילער און שילערינס, וועלכע לערנען זיך אין די נאָך מיטאָג שעה'ען אין די שולען, וועלען זיין פאַר זיי טעטיג די קורסען אין דער פריה.

ל. מילמאַן.

דאָך נאָר נישט מעהר ווי שלוחים פון אונזערע וועהלער, פאר וועלכע מיר מוזען אָבגעבען א דין וחשבון און פאר וועמענס טובה מיר זענען דאָ אהערגעשיקט געוואָרען — ענטפערט איהם א צווייטער פרנס: א דאָזאָר טאָר זיך נישט רעכענען מיט דער שטאָדט כל זמן מיר זענען, זענען מיר. כל זמן מיר זענען דאָזאָרעס האָבען מיר די מאכט, שפּעטער האָט מען א ברירה אונז מעהר נישט צו וועהלען. —

און וואָס דאַרף מען בעסער, אפילו דער פּרעזעס בכבודו ובעצמו, וועלכער דאַרף לויט זיין שטעלונג וואָס ער פאַרנעמט האַלטען דעם גלייכגעוויכט און זיין אין א גלייכע מאָס טאַקטיש אין זיין בעציהונג צו אַלע פראַקציעס אָהן אונטערשיד. איז אנשטאָט אָבצוהיטען אָט די געפּאָרערטע פון איהם עלעמענטארע פּרינציפּען, איז ער דורך אין דורך טענדענציעז און איבט אויס זיין איינפלוס און זיין פּריזעסור מאכט אויף יערען מין פאָרשלאַג, וועלכער איז נאָר איהם לרצון.

ער פּאַזאַייזירט נאָר יענע פראַקציעס, וואָס האַלטען מיט איהם און דערשטיקט פשוט יעדען פערלאַנג פון די אמת'דיגע דעמאָקראַטישע עלעמענטען אין גמינע אויסנוצענדיג די גליקליכע געלעגענהייט, וואָס זיי זענען אין דער מינדערהייט. אפילו מיטגלידער פון זיין אייגענער פּאַרטיי-פראַקציע בעקעמפט ער מיט זיין פּרעזעסאָרישען כח, אין פאַל ווען יענע זענען געגען איהם און זיי פערטיידיגען די גערעכטע זאַך.

אנשטאָט צו לאָזען קומען צום וואָרט און צוגעבען די מעגליכקייט יעדער פאָרשלאַג זאָל ברייט בעהאַנדעלט און קריסטאַליזירט ווערען, כדי יעדער פון די ראַט-מיטגלידער זאָל זיך קאָנען שאַפען א געוויסען בעגריף און קאָנען בעוואוסטזיניג און אויף קלאָר אורטיילען ביי דער אָבשטימונג, ווערט פיעל מאָהל דורך מאַניפּולירענדיגע אויפטהוען אָנגענומען דאָס לשון ביי די עהרליכע און אויפריכטיגע דאָוואָרעס. וועלכע מוזען, קריצענדיג מיט די ציין, פערשווייגען, מ'זאָל זיי נישט פאַרוואָרפען, און פּעטערייען, אז זיי זענען אויסען סקאַנדאַלען.

מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער פּאַרלאַמענטאַריער, אז ארויפקומענדיג אויף א זיצונג פון קהלה-ראַט זאָל מען די דאָזיגע טענדענצען און די פון פאַראויס-בעשטימטע כוונות באַלד נישט קאָנען בעמערקען און תופס זיין.

דער דעספּאָטיזם, די דיקטאַטור פון אָט דער פאַרלויפיג-הערשערישער מעהרהייט אין דער היינטיגער גמינע געהט איבער יעדער גרעניץ און דערמאָנט אָן די אַלטע אָבגעלעבטע גמינעס פון 150 יאָהר צוריק. ווען זיי האָבען זיך געהאַלטען אויפ'ן כח פון תקיפות און חוזק ידו אָן יענע צייטען, ווען די מאַסע איז געלעגען איינגעקורטשעט בשפל המצב אין מורא געהאַט א פּיפּס צו טהון. און ענדליך אָן די אַלטע פערעלטערטע קהל'שע מתים-שטיבלעך.

זאָל איינמאָהל פאר אַלע מאָהל געגעבען ווערען א ענטפער, וואָס פאַר א גמינע האָבען מיר. א וועלטליכע צי א פערעלטערטע מתים-שטיבעל? אויב דאָס לעצטע, וואָלט דאָך גענוג געווען איין קליין שטיבעל מיט א שילדעל: „דאָ פירט מען דורך די סוידכ-פאָרמאַליטעטען". צו וואָס דאָס אויסהאַלטען אזא גרויסען און ברייט-פערצווייגטען סעקרעטאַריאַט און דאָס צאָהלען 600-ער זלאָטעס א חודש פּענסיע?

**ב. צוויג.**


**Kino „ODEON" w Radomiu.**

*Od 22 Sierpnia 1927 roku*

**Arcydzieło sztuki Kinematograficznej**

**p. t.**

Osnute na tle głośnej powieści

WIKTORA HUGO



**NĘDZNICY**

**(LES MISERABLES)**

w rolach głównych: **Gabriel Gabrio, Sandra Milowanow, Jan Toulout, Paul Jorge, G. Saillard.**

**PIERWSZE DWIE SERJE DEMONSTROWANE RAZEM.**


רייצענד און שיין. און אויסער די מעלות האָט זי געקענט ממש פער'כשופ'ען מיט איהר געשליפען מויל און מיט איהר וואונדערליכער בריה'שקייט און קלוגשאַפט.

פרוי ג. האָט געהערט צו יענע טיפּען פרויען, וואָס בעזיצען דעם כח צו פערבלענדען די מענער און זיי אזוי קינציג אָבצונארען און אויסנוצען, אז יענע זאָלען עס גאָרנישט דערקענען און זיי זאָלען אבסאָלוט נישט צווייפלען, אין דער עהרליכקייט פון זייער ליעבע. פרוי ג. האָט אין א גאָר קורצער צייט דערקענט אַלע שוואכע זייטען אין חאַראַקטער-אייגענשאַפטען פון ה' ב. מיט איהר קלוגען, דורכדרינגליכען בליק האָט זי גלייך בעמערקט, ווי ה' ב. שענקט איהר די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און ווערט ממש וואָס א מאָהל מעהר ענטציקט פון איהר.

זי האָט די סיטואציע גוט אויסגענוצט און איהר ערשטע אויפגאַבע איז געווען וואָס מעהר צו פעראינטריגירען און אריינצוציהען איהם אין א ליבעסנעץ, אויף אזוי ווייט, אז ער זאָל ביי איהר דעם קאָפּ פערלירען און דאָס האָט זיך איהר גאַנץ לייכט איינגעגעבען.

פרוי ג. האָט שוין אזוי געמאכט. אז אַלע ענינים, וואָס זי האָט געהאַט דורכצורעדען זיך מיט'ן ה' ב. זאָל פּאַרקירט מען אונטער פיער אויגען און אין א ספּעציעל אָבגעשלאָסענעם צימער. אז קיינער, א חוץ זיי, זאָל דאָרט אהין נישט אריינגעלאָזט ווערען. און אזעלכע געשפרעכען האָט זי געהאַט מיט'ן ה' ב. יעדען טאָג און דוקא אין די שפּעטע נאַכט-שעה'ן. דעמאָלט האָט זי איהם כלומר'שט איבערגעגעבען אַלע בעריכטען פון איהרע אויפזוכען ארום דעם שמוגעל א גאַנצען טאָג. אין אין דער צייט האָט זי זיך בעמיהט צו ערשיינען פאר ה' ב. אין די רייצענדסטע פּאָזעס. זי איז געזעסען אויף איהר גאַנצען קערפּער בעשמעקט פון פער'שכור'ונגס-דופטען, באַלזאַמען און פּערפומען, וואָס האָבען בערויעט מיט זייער געשמאַק און בשמים-ריחות אַלע תאוה פערלאַנגען און צוברויזט אַלע פערבאָרגענסטע סטרונעס פון די ליידענשאַפטליכע בעגעהרען. פרוי ג. איז דאַן געווען אָנגעטהון אין דעם שענסטען, וואָס זי האָט פערמאָגט. איהר שוואַרצער קאָפּ געקרייזעלטע לאָקען זענען געווען אויפגעקעמט און געגלאַנצט מיט זייער סאַמענטער צובלישטשעטקייט, ווי זי וואָלט אַלס כלה זיך צוגעגרייט צום בעזעצענס. זי איז געווען אזוי טיעף דעקאָלטירט, אז גרויסע טיילען פון איהרע אויסגעטאַקטע אקסלען האָבען מיט זייער אנגעפּודערטער פוכיגער ווייכקייט געשוימט דאָס וואכער אין מויל פון ה' ב. און זיינע ליפּען האָבען ווי ביי א דורשטיגע חיה געצויגען אהין... ער האָט אָבער נישט געהאַט צו דעם קיין מוטה. דאָס האַלטן זיך פון דערווייטענס פון פרוי ג. האָט איהם אָבגעשטויסען דער געדאַנק ער זאָל זיך צו איהר דערנעהנטערען. ה' ב. האָט ביי זיך געטראַכט, אז ער וואָלט זי דערמיט געווען טיעף בעליידיגט. אין מאָקי דער צנועה'דיגער אַנשטעל און די צוריקגעהאַלטענקייט פון פרוי ג. האָט איהם נאָך מעהר גערייצט און ווילד געמאַכט.

פרוי ג. האָט דאָס אַלעס גוט פערשטאַנען און זי האָט איהר צנועה'דיגע ראָליע אויסגעצייכענט געשפּיעלט. אָבער זעהענדיג די צופיעל נישט-דרייסטקייט פון ה' ב. און גלייכצייטיג זיין אונרוהיגען צוגליהטען תאוה לוסט האָט פרוי ג. פון איהר זייט געמאַכט

פאַהרען אנטייל צו נעמען אין דער לויה אין ווארשא פיעל דעלעגאַציעס.

די קרענץ אין א צאָהל פון איבער הונדערט זענען אוועקגעלעגט געוואָרען אין א בעזונדערען וואַגאָן.

• • •

שבת איז צוליב דעם טויט פון וואַ־יעוואָרא מאַנטיפעל פאַרגעקומען אין דער שטאָדט־שוהל אַן׳אזכרה, אין וועל־כער עס האָבען זיך בעטייליגט פאַר־שטעהער פון דער מאכט. נאָכדעם ווי דער חזן האָט געמאכט א אל מלא רחמים האָבען די היגע מורה הוראה׳ס הארבערג און גרינשפאן גערעדט אי־בער דער פערזענליכקייט פון פער־שטאָרבענעם.

מיט געזאנג פון כאָר איז די הזכרה פערענדיגט געוואָרען.

## קאַלייקע קעלץ—דזיאלאשיץ.

אויף א קאָנפערענץ, וועלכער איז די טעג פאַרגעקומען אין דער וואָיעוואוד־זטווע איז בעשלאָסען געוואָרען צו צו־טרעטען אדורכפיהרען א קאַלייקע־קאָ־מוניקאציע פון קעלץ ביז דזיאלאשיץ.

די ארבייטען זאָלען זיך אין קור־צען אָנהויבען.

## איבערגעפאָהרען צום טויט.

דער היגער איינוואוינער און מיט־גליעד פון דער פייערלעשער קאָמאַנ־דא אראם ניעדבאלסקי (66 י. א.) איז פאריגן וואך איבערגעפאָהרען געוואָרען דורך א פערזאָנען־צוג וואָס איז אָנ־געקומען פון טשענסטאכאָוו און אומ־געקומען אויפ׳ן ארט.

דער קאָנדוקטאָר פון דער קאַלייקע קעלץ—דזיאלאשיץ סטאַניסלאוו שיקארסקי איז צוליעב אונפאָרזיכטיגקייט ארונטער־געפאלען אונטער די רעדער פון צוג און געהרגעט געוואָרען אויפ׳ן אָרט.

## פון מאגיסטראט.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונ־גען איז בעשלאָסען געוואָרען די גע־ביידעס פון דער אלטער עלעקטראָוו־ניע אויסצונוצען צום געזעלשאפטליכען געברויך. צווישען אנדערע איז אקצ־עפטירט געוואָרען איבערצומאכען די 2 גרויסע זאהלען, וואו עס האָבען זיך געפינען די מאשינען, אויף האלעס.

## א אָפענער בריף צו די ג׳ פאמיליעס קאַנער און פאסירמאַן.

אלס פאָרזיצער פון די יודישע קהלה אין קעלץ, בין איך זיינערצייט ארויס־געטרעטען מיט א פאָרשלאַג, אז די קהלה זאָלצונעמען דאָס בית החיים אלס אייגענטום פון די האנד פון די חברה קדישה.

באלד האָבען זיך געפונען אין שטאָדט פאנאטיקער, וועלכע האָבען אָנגעהויבען מיך צו בעקעמפפען מיט פערשידענע שקרים און בלבולים, וועלכע האָבען געזאָלט איבערצייגען די בעפעלקערונג, אז ווען דאָס בית החיים וועט זיין אין די הענד פון די קהלה, וועט פערשוואכט ווערען דער כבוד פון די פערשטאָרבע־נע.

אויבזואהל איך האב אלס עסקן ווע־ניג אכט געלעגט אויף דעם געפולדער, דאָך האָט איין בלבול מיר פערשאפט גרויסער שמערץ. מ׳האָט מיר נעמליך צו געשריבען ווערטער, וועלכע האָבען פערשוואכט דעם כבוד פון א נפטר וועלכער איז געוועזען איינער פון די אָנגעזעהענס־טע מענשען אין אונזער שטאָדט, מיינס א ידיד, מיט וועלכען איך האָב יאָהרען לאנג געארבייט צוזאמען אין פערשיע־דענע אינסטיטוציעס און וועמענט אָנ־דענקען ס׳איז מיר טייער. איך האָב גע־זאָגט מכלומרשט זיך אויסדריקען בשעת די פטירה פון ר׳ חיים קאַנער ז״ל, אז „ווען דאָס בית החיים וואָלט איינגע־שטאַנען אין די הענד פון די קהלה וואָלטען די יורשים געמוזט צאָהלען זעקס טויזענד זלאָטעס און יעון נישט, וואָלט איך געהייסען קובר זיין דעם נפטר הינטער דעם פ״אַט״.

טראָץ מיין נאָכפאָרשען האָט זיך מיר נישט איינגעגעבען צו ענטדעקען די קוועלע פון אזא שענדליכע ליגען און איך האָב עס דעריבער בעטראכט פאר איינע פון אסך אומגעלומפערטע שקרים, וואָס ווערען פערשפרייט דורך מענשען אהן נאָמען, און אויף וועלכע ס׳לייגט קיינער נישט קיין אכט.

ווי אויפגעציטערט בין איך אָבער געוואָרען, ווען איך האָב דעם לעצטען שבת געהערט פון ה׳ חיים זאגייסקי וויעדערהאָלט די זעלבע ווערטער, און אויף מיין פראגע צי ער האָט זיי געהערט פון מיר זעלבסט, האָט ער געענטפערט אז יאָ. איך האָט דאמאָלט פערשטאַנען, אז דאָס איז שוין נישט בלויז א אונ־שולדיגע פליאָפקע נור גאָר א אינטרי־גע פון בייזוויליגע מענשען, וואָס טרע־טען נישט צוריק פון בעשולדיגען מיך אין דבורים, וועלכע איך וואָלט נישט ארויסגעזאָגט וועגען א פחות מן הפחו־תים, און וואָס זענען עלול ארויסצורו־פען א טיעפע בעליידיגונג ביי די פאַ־מיליעס קאנער און פאסירמאַן און גלייכצייטיג צו מיר א האס.

בכדי איינמאָהל צו די נידריגע אינ־טריגע א סוף צו מאַכען זעה איך מיך געצוואונגען עפענטליך מתנצל צו זיין און צו ערקלערען פייערליך, אז די גאנצע מעשה איז שקר וכזב, אז איך האָב קיינמאָהל נישט געלאָזט פאלן אזעל־כע ווערטער און, אז איך האָב איבער־הויפט מיט ה׳ ח. זאגייסקי נישט גע־רעדט וועגען ר׳ חיים קאנער ז״ל.

גלייכצייטיג פאָדער איך אויף דעם ה׳ ח. זאגייסקי, אז ער זאָל עפענטליך וואָגען, ווען, אין ביי וועלכע אומשטענדען איך האָב איהם די אויבענדערמאָנטע ווערטער געזאָגט און ווער איז געווען דערביי פון פרעמדע מענשען, ווען נישט זאָל ער עפענטליך אָברופען זיין בע־שולדיגונג. וועט דאָס נישט געשעהען מאָ וועל איך ארויסציהען די געהעריגע קאָנסעקווענצען.

מיט דרך ארץ

י. מ רייזמאן.

---

דערשיטערט פונ׳ם טויט פון אונזער קאָמיטעט־מיטגליד

# אהרן זאלצבערג נ. ע.

דריקען מיר אויס דער אין טרויער פארבליבענער פאמיליע

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

אינ׳ם פערשטאָרבענעם האָבען מיר פארלוירן אַן׳איבערגעגעבענעם חבר.

עהרע זיין אנדענקען!

דער קאָמיטעט פון דער האלץ סעקציע
בײם פראָפ. פאריין פון אָנגעשטעלטע,
באַשעפטיגט אין האנדעל און ביורא
אין קעלץ.




בצומק לבינו אנחנו מברכים את חברנו מר אלכסנדר זיונצקובסקי בברכת מז"ט חמה ולבבה לארושיו את העלמה מרת גיטל זילבערפרינד.

אלתר פנחס ברנקביץ, אברהם פרל,
גרשון זילבריכטין, אברהם דוד גולדבלוס,
למל כהן.

קילץ אב תרפ"ז.

בברכת מז"ט חמה אנחנו מברכים את חברנו חבר הועד של אגודת „צעירי-מזרחי" בקילצי

אלכסנדר זיונצקובסקי

לארשיו את העלמה מרת

גיטל זילבערפרינד

אגודת „צעירי-מזרחי" בקילצי.

Z intencji zaręczyn ukochanej koleżanki naszej **Zeli Gluzmanówny** z p. **Szlamkiem Kestenbergiem** życzymy im, ażeby przyszłość ich usłana była kwiatami.

**WITKA HOCHBERŻANKA**
**POLA KLINOWSKA.**

---

בברכת מזל טוב לרגלי בואו בברית האירושין של חברנו אלכסנדר זיאנצקובסקי מקיעלץ את העלמה גיטל זילבערפרינד מבנדין הננו מביעים את ברכתינו בברכת מזל-טוב. נחת ורב עונג ויזרח מז"ם כשמש בצהרים

שלמה קנאבל ישראל סאכאן.

קיעלץ.

גיטל זילבערפרינד אלכסנדר זיאנצקובסקי

בנדין קילץ

מאורשים

מנחם-אב התרפ"ז.

ברכת מזל-טוב חמה ולבבית לחברנו הנכבד אלכסנדר זיאנצקובסקי לרגלי ארושיו את העלמה הנכבדה מרת גיטל זילבערפרינד וראו ברכה ואושר רב כל ימי חייכם.

יחיאל מושקוביץ
ישראל רפופורט

קילץ.

---

בברכת מז"ט חמה ולבבית ועתיד מוהיר אנו מברכים את ידידנו וחברנו מר

משה יוסף ווינמאן

לרגלי בואו בברית האירושין, את בחירת לבו מרת חנה גוטליב תהי דרכם צלחה

ה. מרימונד ורעיתו
ה. זלאטא.

קילץ.

## דאנקזאגונג

מיין הארציגסטען דאנק דריק איך אויס די ה"ה דאקטוירים גאלדשטיין און שטרום פאר זייער זארגפעלטיגער און הומאניטארער מעדיציניש בעהאנדלונג פון מיין זוהן און א דאנק וועלכען ער איז פאלקאם געזונד געווארען.

קעלץ. איטשע קאנער.

## דאנקזאגונג

דערמיט דריקען מיר אויס א דאנק די אלע וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דעם בלימעל פערקויף לטובת אונזער ביבליאטעק א. נ. פרץ ביי דעם השומר הצעיר אין ראדאם. אויסגעצייכענט אבעסטען האבען זיך די פרל' רוזנצווייג, שרייבער און ה' קאביאנער. צוזאמען געזאמעלט 207.34

די פערוואלטונג.

---

## PODZIĘKOWANIE.

Serdeczne wdzięczność wyrażam niniejszem Sz. P. **Stefanowi Tatarskiemu**, zamieszkałemu w Radomiu przy ul. Żabia Plocowa № 1. za łaskawy zwrot znalezionych przez Niego moich rzeczy, rytualnych do Rabina Tajtelbauma w Radomiu, które też dzięki Niemu otrzymałem.

**Benjamin Lew**, Kielce.

**Kino „CZARY" w Kielcach.**

DZIŚ!
Dwie serje w jednym programie! 16 aktów!
Zakończenie sensacyjnego filmu

*Pociąg błyskawiczny 2420*

3-cia serja **SZATAŃSKA AFERA**
z **Wiliamem Ducanen** w roli głównej
4-ta serja **JASKINIA ZŁOCZYŃCÓW.**

צאהן-דאקטארין

# ח. ראקאטש

איז צוריקגעקומען

און נעמט ווידער אן קראנקע.

ראדאם, שעראקא (פילסודקים) 7.

---

# א ווארענונג

## צו די היינטיגע ראדאמער גמינע דאזאר־עס!

אזוי ווי אייער גאנצער ארבייט איז אריין צו ברענגען אין רעליגיעזען לעבען אין שטאדט, איבערהויפט אין שחיטה-ענינים, א דעמאראליזאציע און אונארדנונג. פון צייט צו צייט ברענגט איהר אהער פרעמדע שוחטים אין היגען שחט-הויז און צווינגט די קצבים און זענט מאכיל טרפות, איז מיר א וואונדער, אין דער צייט וואס יעדען איז בעוואוסט, אז א טייל פון אייערע אנפירער זענען ווייט פון מצות השם יתברך כמסחוי קשת, א זעלכע וואס עסען טרפות, זענען מחלל שבת בפרהסיא און די דאזיגע ווילען א דעה זאגען איבער כשרות און זענען מכשיל את הרבים. אמת עפ"י הממשלה געהערט איהר צו דער קהלה-פערוואלטונג, אבער אייערע רעכט זענען נור אין עקאנאמישע ווירטשאפטליכע אנגעלעגענהייטען, אבער נישט צו דעצידירען אין רעליגיעזע ענינים וכשרות הבשר.

לכן בין איך אייך מזהיר בשם דת תוה"ק ושלום העיר מהיום והלאה נישט מעהר צו דעמאראליזירען די שחיטה און נישט צו טוהן קיין שום זאך בנוגע די כשרות בלי ידיעתי ורשותי, וואס איך בין מורה הוראה שוין צוויי און דרייסיג יאהר. איהר דארפט וויסען, אז לויט'ן דין בשלחן ערוך דער וואס שחט בלי רשות הרב הדתי שחיטתו אסורה, ועפ"י הוקי הממשלה דארפט איהר אייך נישט מישען אין רעליגיעזע ענינים – די פרעמדע שוחטים בין איך מזהיר, דאס אויב זיי וועלען שחטען בלי רשותנו וועלען זיי בעדויערען.

וע"ז באעה"ח יום ג' לסדר „ושמרתם לעשות את כל החקים ואת המשפטים אשר אנכי נותן לפניכם היום" שנת תרפ"ז לפ"ק.

**חיים מנחם מענדל הלוי קעסטענבערג**
רב"ד דפה"ק ראדום.

## צו דער אויפמערקזאמקייט פון אונזער ג' קונדשאפט!

צוליב דעם, וואס אין פערקויף האט זיך בעוויזען נאכגעמאכטער „פאטאקאל" געפאקט אין א ענלעכער פאקונג ווי דער אמת'ער, מאכען מיר אויפמערקזאם די ג' קונדשאפט, אז בייס קויפען די פלאנצען-פוטער „פאטאקאל" דארף געלייגט ווערען אכט אויף דער אויפשריפט

# „POTOKOL"

ווי אויך אויפ'ן הכשר פונ'ם הרה"ג צבי חניך הכהן שליט"א

עוויין אבד"ק בענדין.

מיט אכטונג

Sp. Akc. Fabryki olejów
i tłuszczów roślinnych
„J. D **POTOKA** S-wie"
BĘDZIN - MAŁOBĄDZ.



---

# Kino „CORSO" w Radomiu

**Dziś i dni następnych!**

**TRAGEDJA PORUCZNIKA HUZARÓW**

**( Wytrąciły go w przepaść kobiety )**

Dramat w 12-tu aktach, z życia największego hulaki na świecie.
W rolach głównych: **John Barrymore i Mary Astor.**

בעסטע שיפס-קאמוניקאציע צווישען פוילען און קאנאדע

# „באלטיק-אמעריקא-ליין"

עמיגראציע — ענינים ערלעדיגט

# ביורא „יוס"

קעלץ, קילינסקי גאס 8 №

---

הננו מביעים את השתתפותנו בצערו של אחנו דוד אברמנט לרגלי האסון שקרהו במות עליו אמו

# שרה לאה

בעבודתו השומרית והארצי-ישראלית ימצא נחומים

קבוצת „התחיה"

של הסתדרות „השומר-הצעיר" ברדום.

משתתפים אנחנו בצערו של האח דוד אברמנט במות עליו אמו

# שרה לאה אברמנט

בעבודתו השומרית ינחם.

הסתדרות „השומר הצעיר"
ברדום.

בלב קרוע ומורתת מביעים אנו את צערנו העמוק לאחנו דוד אברמנט

למות עליו **אמו**

ימצא נחומים בעבודתו השומרית והעולמית

בברכת שומרים חזק ואמץ!

מ. פירסטנברג, דב גרוספלד.

---